אייזיק ראַזנפעלד

# דריי פאַבלען פאַר יידן*)

(1956—1918)

## 1. פילאָסאָפישער צוגאַנג צום לעבן

אַמאָל האָט אַ ייד געוואָלט באַזוכן זיינעם אַ פריינד, האָט ער אויפגעעפנט ביי זיך די טיר — און אַרונטערגעפאַלן די טרעפּ. הייבט ער זיך אויף און גייט ווייטער — באַפאַלט אים אין גאַס אַ ווילדער הונט און צערייסט זיינע מלבושים אויף שטיקלעך. גייט ער ווייטער אויפן וועג — קומט צו־לויפן אַ צעטומלטער פערד, און אים שיר נישט צעטראָטן אַ לעבעדיקן. דער ייד גייט אַלץ ווייטער און פּלוצעם, אין מיטן גאַס, פאָרט אויף אים אַרויף אַן אויטאָמאָביל, גיט אים אַ שטויס — אַ גליק וואָס ער איז ניט דערהרגעט געוואָרן. מיט גאָטס הילף איז ער אַריבערגעגאַנגען די גאָס — אהאַ, אויפן טראָטואַר שטייט אַ באַנדיט מיט אַ רעוואָלווער, און נעמט צו ביי אים דאָס לעצטע ביסל געלט. אָבער אונדזער ייד שטעלט זיך ניט אָפּ, ער קערט זיך ניט צוריק — שוין געגאַנגען אַזוי ווייט, וועט ער גיין ווייטער. ער טוט אַ קוק, גזלנים לויפן איבער דער גאָס מיט שטעקנס אין די הענט, און זיי באַפאַלן אים און ברעכן אים אָן די ביינער. קוים וואָס ער קריכט. ער איז אָבער אַ ייד אַן עקשן, און אַז ער באַשליסט עפּעס, איז דאָס אַ באַשלוס, שלעפּט ער זיך ווייטער אויפן וועג צום פריינד. אָט האָט ער שוין דערגרייכט דאָס הויז — אָבער אַזאַ מזל האָט ער, ווי ער קלינגט נאָר אָן אין דער טיר, עפנט אויף אין דער הויך אַ פרוי דאָס פענצטער, וואַרפט אַרויס דאָס מיסט פון שטוב — און טרעפט אים גלייך אויפן קאָפּ. און נאָך די אַלע שוואַרצע יאָר, געפינט ער אויס אַז זיין פריינד איז ניטאָ אין דער היים. וויכטיק איז דאָס ניט געווען. דאָס געשעפט וואָס ער האָט באַדאַרפט מיטן פריינד פירן האָט ער דעם זעלבן טאָג אָפּגעמאַכט מיט אים שפּעטער אויפן טעלעפאָן. אָבער זינט דאָס אַלץ איז זיך מיט אים פאַרלאָפן, גייט דער ייד יעדן טאָג, און אַפילו אַ פּאָר מאָל אין טאָג, אַרויס פון הויז און מאַכט דורך ווידעראַמאָל די זעלבע רייזע. און אַז ער קומט אָן אויפן פּלאַץ וואו ס'איז אים אַן אומגליק באַפאַלן, שטעלט ער זיך אָפּ, פאַרטראַכט זיך, ס'ליגט אים נאָך אין די ביינער, גייט פון דאָרט צו צום צווייטן פּלאַץ, אאַ"וו, און אויף יעדן אָרט וואו ס'האָט אים אַן אומגליק פּאַסירט זוכט ער אַ זין אין זיין נאָך אַלץ פרישן איינדרוק פון ווייטיק און באַליי־דיקונג, אַזוי לאַנג ביז די גאַנצע מיאוסע געשיכטע ווערט אים גאָר ליב און טייער, און ער וואָלט זיך מיט דעם קיינ־מאָל ניט געשיידט; ווייל ער הייבט אָן צו גלויבן — ער מוז עס גלויבן — אַז אין דער געשיכטע ליגט אַ טיפער, מעכטיקער אמת — און וואָלט ער דאָס נאָר איבערגעפונען וואָלט דאָס אים באַפרייט פון זיינע יסורים.

## 2. איינער אַ שניידערל

דאָס איז געווען מלחמה־צייט. איינער אַ שניידער ה באַנקראָטירט און געמוזט פאַרקויפן דאָס געשעפט, און ער האָט געפונען אַ שטעלע ערגעץ אין אַ פאַבריק האָט גלייך, נאָך אַ וואָך צייט, געמוזט זוכן אַן אַנדערע שטע ער האָט פאַרלוירן ס'גלייכגעוויכט און זיך ניט געקענט ג מען צו קיין אַרבעט. די אורזאַך איז געווען אַן איינפאַ דער שניידער האָט אַזוי שטאַרק געליטן איבער דעם וו מען טוט מיט יידן אויף דער וועלט, אַז ער האָט זיך בע אופן ניט געקענט באַרואיקן. מיט יעדן שטאָך פון דער נ איז אים פאַרגעקומען אַז דאָס שטעכט ער אַ יידיש ווע נאָך אַ שטאָך, נאָך אַ לעבן. נאָך אַ שטאָך, נאָך אַ לעבן. און קיינעם אַרט עס ניט! אונדזערע יידן שטאַרבן אויס, די וועלט איז גלייכגילטיק. דער שניידער האָט דאָס בע אופן ניט געקענט פאַרשטיין. און דאָס האָט אים אַזוי פּ דראָסן, אַזוי ווי געטאָן, אַז קיין אַנדערע געדאַנקען זיי אים נישט געלעגן אין זינען.

— „יידן, ראַטעוועט!" — פלעגט ער שרייען און אַר לויפן אויף דער גאָס שרייענדיק אויף אַ הויכן קול. פּל ער אָפּשטעלן דעם עולם אויף דער גאָס און זיי אונטערטר די ציימונגען אונטער דער נאָז, זיי זאָלן אַליין זען וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, ווי מען קוילעט יידן! ער ו זיך אַליין אַרויסגעלאָזט באַזוכן אַלע גרויסע כלל־טוער איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן. ער האָט געשיקט בריוו טעלעגראַמעס אין אַלע עקן וועלט. צו אַלע שטאַטס־פיר און באַאַמטע, און אַפילו צו דעם פּרעזידענט אַליין פלעגט יעדן טאָג אָנשרייבן אַ בריוו, און זיך בעטן ביי אים, סטראַשען, וואָרנען. אַ פריינד זיינער פון אַמאָליקע צייטן (אַלע אַנדערע חברים זיינע האָבן אים פאַרלאָזט) איז גע נאָענט פאַרבונדן, דורך פּאָליטיק, מיטן גובערנאַטאָר, דער שניידער חדשים לאַנג געקערט וועלטן ביז ער ה פאַר אים אויסגעפועלט אַ טרעפעניש מיטן גובערנאַטאָר. די געגעניש מיטן גובערנאַטאָר האָט געדויערט דריי סעקונד און דער שניידער האָט פון אים גלייך געקראָגן אַ פּער לעכע פאַרזיכערונג פון מיטלייד און אויך אַ דיקן ציגאַר.

דער שניידער האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטע וואָס מער מען האָט אים איגנאָרירט, אַלץ העכער האָט געשריען, און אַלץ מער געלאָפן. ער האָט אָנגעהויבן ש אַרטיקלען, פול מיט סטאַטיסטיקע, אין אַלע ציימונגען זשורנאַלן און נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעשיקט די אַרט לען איז ער אַליין געגאַנגען אין די רעדאַקציעס, זיך דו רעדן מיט די רעדאַקטאָרן און געבעטן, געפּאָדערט, געש מיט אַלע כוחות מען זאָל אים אַריינלאָזן רעדן מיט זיי. וויינטלעך פלעגט מען אים זאָגן אַז דער רעדאַקטאָר איז געפאָרן אין דער הויפּט־שטאָט וועגן אַ געוואַלדיק וויכ ענין, פון וואַנען ער וועט ניט צוריקקומען פאַר אַ וואָך; אַ עס טוט אונדז לייד, דער רעדאַקטאָר איז היינט דעם

---

*) די דריי פאַבלען זיינען פון די פאַרבליבענע כתב־ידן, אָריגינעל געשריבן אין יידיש, פון דעם פּלוצעם און פריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם אַמעריקאַנער־יידישן דערציילער און קריטיקער. אייזיק ראָזנפעלד, אַ פּראָדוקט פון די שלום־עליכם שולן אין שיקאַגע, איז אָנערקענט געוואָרן אַלס איינער פון די טאַלאַנט־פולסטע אַמעריקאַנער שריפטשטעלער, אין דער זעלבער צייט האָט ער ליב געהאַט צו שרייבן אויף יידיש פון צייט־צו־צייט. זיין פּלוצעמדיקער טויט האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער. אַ צאָל לידער און קריטישע אָפּשאַצונגען וועגן זיין שאַפן זיינען דער־שינען אין אַ צאָל פון די וויכטיקסטע ליטעראַטור־זשורנאַלן אין אַמעריקע.

טאָג פאַרנומען אין קאָנפערענצן אאַז"ו, ביז מען פלעגט אים אַרויסוואַרפן. דעם שניידערס רויט, צעקנייטשט און צעטומלט פנים פלעגט דעמאָלט שטענדיק פאַרפלייצט ווערן מיט דערשטוינונג. וואָס הייסט, מען הערט אים נישט אויס? מען נעמט אים נישט אויף? רבונו של עולם, ווי קען דאָס זיין? אָבער וואָס ער האָט ניט אָפּגעטאָן כדי אויפצואוועקן די גלייכגילטיקע וועלט, האָט זיך די וועלט פאָרט געמאַכט נישט וויסנדיק. וואָלט ער כאָטש געקענט עמעצן — כאָטש איינעם! — אויפוועקן און אים אויפעפענען די אויגן, אים צו מאַכן פילן וואָס מען טוט מיט יידן, איז ער זיכער געווען אַז דאָס געפיל וואָלט זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און אַלע ווי איינער וואָלטן אָפּגעשטעלט די מערדערייען. אָבער דעם איינציקן פאַרשוין האָט ער קיינמאָל ניט געפונען.

שפּעט ביינאַכט, פלעגט דער שניידער, אַן אויסגעמאַטערטער, אַ צעטראָטענער, זיך צוריקקערן אַהיים. איין מאָל דערזעט ער אויפן גאַס אַ קליין רויט קעסטעלע מיט אַ הענטל אויף צו אַלאַרמירן די פייערלייט. דער שניידער טוט אַ צי דאָס הענטל, און שטעלט זיך אַוועק וואַרטן. באַלד דערהערט ער אַ לויפן און אַ קלינגען, עס קומען צופליען פון אַלע זייטן די רויטע פייער־וועגענער מיט פייערלעשער אָנגעטאָן אין זייערע אייזערנע הוטן, מיט לייטערס און העק. — „אָהאָ", — טראַכט זיך דער שניידער, — „אַז מען קלינגט אָן, קומען זיי!".

— „וואו איז דאָס פייער?"

דער שניידער דערציילט זיי גלייך וואו די שריפה איז! האָבן די פייערלעשער באַלד גערופן פּאָליציי, און די פּאָליציילייט האָבן אים אַוועקגעפירט אין אַ פּאָליציי־סטאַנציע. האָט זיך דער שניידער דאָרט אַוועקגעשטעלט און ווידער אָנגעהויבן רעדן. ער האָט אַזוי שיין און אַזוי פיין גערעדט און זיי אויפגעקלערט אַז אַן אמת פייער פלאַקערט אויף דער וועלט, צו דעם האָט ער זיי נאָך באַוויזן אַלע צייטונגען וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט. די פּאָליציי האָט באַלד טעלעפאָנירט אַ שפּיטאָל, ס'איז אָנגעקומען דער ווייסער שפּיטאָל־וואָגן. מען זאָל אים צונעמען אין שפּיטאָל. דערזעט דער שניידער דאָקטוירים, טראַכט ער זיך — „דאָס מוזן זיין יידן" — הייבט ער ווידעראַמאָל אָן צו טענהן און איינטענהן מיט זיי. די דאָקטוירים שאָקלען צו מיט די קעפּ, שמייכלען עפּעס אויף דער זייט, און זאָגן אים, — „יאָ, יאָ, מיר ווייסן וועגן דעם. ס'איז אַ געפערלעכע זאַך. אָבער זייט אַזוי גוט, לעגט זיך אַוועק אָט־דאָ אין בעט און שלינגט אַרונטער די מעדיצין, וועט אייך באַלד גרינגער ווערן".

נו, ליגט ער שוין, און ער וואַרפט זיך און ברענט, און עס טוט אים ווי אַ יעדער אבר. די דאָקטוירים שטופּן אים פּראָשקעס, גיבן אים איינשפּריצונגען. אָבער ניט די פּראָשקעס העלפן אים, ניט די איינשפּריצונגען! עס העלפט גאָרניט, ווייל אַ פייער ברענט אויף דער וועלט! די היץ איז געפערלעך און ער האַלט אין איין טענהן און בעטן מען זאָל זי ראַטעווען. זיי קוקן אויף אים ווי אויף אַ משוגענעם.

— „אָבער איר זענט עס די משוגעים"! — שרייט דער שניידער.

— „שאַ, שטיל, נעמט אָט־אָ־די פּראָשקע. ס'וועט אייך זיין צו רפואה".

אָבער עס איז ניט פאַראַן קיין רפואה. דאָס איינציקע מיטל צו באַרואיקן זיך האָט ער אַליין אויסגעפונען ליגנדיק אין בעט, רייבט ער זיינע נאַקעטע פיס. איין פוס אין צווייטן, כסדר, נאָכאַנאַנד, די מיט די נעגל איבער דער צאַרטער הויט, און פאַלט אַזוי אַריין, פון צייט צו צייט, אין אַ קאָשמאַרישן דרימל פול מיט ווילדע חלומות.

מ. אַליצקי

# צוויי לידער

## 1. דאָס נייע הויז

דאָס נייע הויז
האָט פאַרשטעלט ביי מיר אַ האַלבן פענצטער.
איך בין ניט ברוגז.
עס וועט דאָרט אַרויסהענגען אַ יונגער קאָפּ,
און פלינקע פינגער וועלן פרואוון אָנרירן
די דינע גלאַטע הויט
פון הימל.
אַ פרוי, פאַרנומען, וועט דערזען אויפן דיל
דעם שאָטן פון אַ ווייטן וואָלקן.
איך אַליין וועל אויך געהאָלפן ווערן:
אין ערב נאַכט
וועל איך דורך שטיין און שטאָק דערפילן ווידער
דעם טרויער פון אַ שטאַרבנדיקער זון,
אַנטקעגן אויפגעשיינטע פענצטער.

## 2. פירנדיק מיין זון אין שול

איך האַלט אים ניט ביים הענטל און איך פיל
ווי ווייך און וואַרעם זיינע פינגער זיינען.
איך קוק ניט אין די אויגן אים אַריין, און ווייס
ווי שיין און גרויס זיי גלאַנצן אין פרימאָרגן.
איך רוף אים ניט מיט אַלע ליבע נעמען,
וואָס עס האָט אַ טאַטע פאַר זיין קינד.
איך זאָג בלויז: זון. און פון אַלע זיינע פלאַפּלענישן
הער איך איין און איינציק וואָרט בלויז:
טאַטע.

## 3. אַ יידישע פאַמיליע

אַמאָל איז געווען אַ יידישע פאַמיליע וואָס האָט געהאַט אַ הונט. זיי האָבן געוואוינט מיט אים אונטער איין דאַך; און ווייל זיי האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט, האָבן זיי זיך שטענדיק פאַרנומען מיט זיין דערציאונג און מיט האָדעווען אים, עס זאָלן אים ניט פעלן קיין אינטערעסן אין לעבן, שפּייז, געזונט־מיטלען, און קיין שום באַקוועמלעכקייט. דער הונט איז געווען אַ גוטער, אַ געטרייער און האָט ליב געהאַט מענטשן, בפרט זיינע אייגענע. ער פלעגט זיי אַלע מאָל לעקן די פּנימער (ער איז געווען, קיין עין־הרע אַ גרויסער הונט) און קוקן אויף זיי מיט צאַרטע, ווייכע, וואַסערדיקע אויגן. ווען די פאַמיליע איז געווען מיטן הונט אין הויז, איז ער געווען אויסער זיך פון פרייד. אָבער ווען די מענטשן האָבן געמוזט אַוועקגיין, איז ער געבליבן עלנט און אַליין, און שיער ניט אויסגעגאַנגען פון טרויער. דערפאַר, ווען זיי האָבן געמוזט אַמאָל אַוועקגיין ביינאַכט, האָבן זיי געלאָזט ברענען אַ ליכט, אויס רחמנות אויפן הונט, עס זאָל אים ניט זיין אַזוי אומעטיק. אָבער ווען זיי זיינען צוריקגעקומען האָבן זיי אויסגעלאָשן דאָס ליכט, צו וואָס דאַרף מען עס? — זיי זיינען דאָך שוין ווידעראַמאָל צוזאַמען מיטן הונט. זאָלן זיי אַלע זיצן אין דער פינצטער.